בס"ד


# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א | בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## קרית יואל | בני ברק


## אַ מַעֲשֶׂה צוּ לֵיינֶען

# קַמְצָא בַּר קַמְצָא

## (חלק א')

# קַמְצָא בַּר קַמְצָא

אִין דִי צֵייטְן פוּן דִי צְוֵוייטֶע בֵּית הַמִקְדָש הָאט גֶעוואוֹינְט אִין יְרוּשָׁלַיִם אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר, דֶער עוֹשֶׁר הָאט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדֶה אוּן צוּ דִי סְעוּדֶה הָאט עֶר גֶערוּפְן אַלֶע זֵיינֶע חַבֵרִים, דֶער עוֹשֶׁר הָאט גֶעשִׁיקְט זֵיין בַּאדִינֶער רוּפְן זֵיין חַבֶר וָואס הֵייסְט "קַמְצָא", אָבֶּער זֵיין בַּאדִינֶער הָאט נִישְׁט גוּט פַארְשְׁטַאנֶען הָאט עֶר גֶערוּפְן אַ מֶענְטְשׁ וָואס הֵייסְט "בַּר קַמְצָא" וָואס דֶער "בַּר קַמְצָא" אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַ חַבֶר פוּן דֶער עוֹשֶׁר נָאר פַארְקֶערְט וִוי אַ חַבֶר זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט לִיבּ

גֶעהַאט, " בַּר קַמְצֶא" הָאט גֶעמֵיינְט אַז דֶער
עוֹשֶׁר ווִיל זִיךְ יֶעצְט אִיבֶּערבֶּעטְן מִיט אִיהְם אוּן
מַאכְן שָׁלוֹם אוּן ווֶערְן זֵיין חַבֶר, עֶר קוּמְט אָן צוּ
דִי גְרוֹיסֶע סְעוּדֶה, דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען
גֶעקוּמֶען צוּ דִי גְרוֹיסֶע סְעוּדֶה הָאבְּן זִיךְ גֶעוַואשְׁן
אוֹיף פֵּיינֶע בִּילְקֶעלֶעךְ אוּן אוֹיךְ בַּר קַמְצֶא הָאט
זִיךְ גֶעוַואשְׁן מְ'הָאט אַרֵיין גֶעבְּרֶענְגְט פֵּיינֶע פִּיש
אַסַאךְ סָארְט פִּיש אוּן נָאךְ דִי פִּיש אִיז דֶער
עוֹשֶׁר אַרוּם גֶעגַאנְגֶען גֶעבְּן פַּאר אַלֶע זֵיינֶע
חַבֵרִים לְחַיִים לְחַיִים טוֹבִים וּלְשָׁלוֹם,
אִינְמִיטְן בַּאמֶערְקְט עֶר אַז " בַּר קַמְצֶא" וָואס אִיז
נִישְׁט זֵיין חַבֶר אִיז דָא בֵּיי דִי סְעוּדֶה זָאגְט עֶר

אִיהְם גֵיי שׁוֹין אַרוֹיס פוּן דָא, "בַּר קַמְצָא" זָאגְט אִיהְם אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעקוּמֶען לָאז מִיר דָא בְּלַייבְּן, זָאגְט אִיהְם דֶער עוֹשֶׁר נַיין, שׁוֹין שׁוֹין גֵיי אַרוֹיס, זָאגְט "בַּר קַמְצָא" אִיךְ וֶועל דִיר צָאלְן וִויפִּיל אִיךְ עֶס אוּן מַיינֶע עֶסְן וֶועט דִיר נִישְׁט קָאסְטְן, דֶער עוֹשֶׁר לָאזְט זִיךְ נִישְׁט אוּן שְׁרַייט נָאכְאַמָאל, שׁוֹין אַרוֹיס פוּן דָא, "בַּר קַמְצָא" זָאגְט אִיהְם אִיךְ וֶועל דִיר בַּאצָאלְן דִי גַאנְצֶע סְעוּדֶה וִויפִּיל סְ'קָאסְט נָאר פַארְשֶׁעם מִיר נִישְׁט, דֶער עוֹשֶׁר אִיז גֶעוָוארְן זַייעֶר אוֹיפְגֶעעֶרְעגְט אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעכַאפְּט "בַּר קַמְצָא" אוּן הָאט אִיהְם אַרוֹיסְגֶעטְרָאגְן פוּן דִי סְעוּדֶה,

"בַּר קַמְצָא" אִיז גֶעוָואָרְן זֵייעֶר שְׁטַארְק
פַארְשֶׁעמְט אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט
פַארְוָואס קֵיינֶער פוּן דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן
אִיהְם נִישְׁט גֶעהָאלְפְן אַז עֶר זָאל קֶענֶען בְּלֵייבְּן
בֵּיי דִי סְעוּדֶה, יֶעצְט גֵייט עֶר נְקָמֶה נֶעמֶען אִין
דִי אִידְן, עֶר גֵייט צוּ דִי קֵייסֶער אוּן זָאגְט פַאר
דִי קֵייסֶער דִי אִידְן הָאבְּן דִיךְ נִישְׁט לִיבּ,
פְרֶעגְט דִי קֵייסֶער פַאר בַּר קַמְצָא וִוי אַזוֹי
וֵוייסְטוּ אַז זֵיי הָאבְּן מִיךְ נִישְׁט לִיבּ? זָאגְט בַּר
קַמְצָא גֶעבּ מִיר אַ לֶעמֶעלֶע אִיךְ זָאל עֶס טְרָאגְן
קֵיין יְרוּשָׁלַיִם מַאכְן פַאר אַ קָרְבָּן וֶועסְטוּ זֶעהְן
אַז זֵיי ווִילְן עֶס נִישְׁט מַקְרִיב זַיין, דֶער קֵייסֶער

זָאגְט, אַזוֹי, אִיךְ וִויל זֶעהְן אוֹיבּ סְ'אִיז אֶמֶת, עֶר שִׁיקְט אַ לֶעמֶעלֶע מִיט בַּר קַמְצָא קֵיין יְרוּשָׁלַיִם צוּ דִי בַּיִת הַמִקְדָשׁ צוּ מַאכְן פַאר אַ קָרְבָּן, אִינְמִיטְן דִי וֶועג קֵיין יְרוּשָׁלַיִם הָאט בַּר קַמְצָא גֶעמַאכְט פַאר דִי לֶעמֶעלֶע אַ שְׁנִיט בַּיי דִי לִיפְּן לֶעבְן דִי מוֹיל, בַּר קַמְצָא קוּמְט אָן קֵיין יְרוּשָׁלַיִם צוּ דִי הֵיילִיגֶע בַּיִת הַמִקְדָשׁ אוּן גֶעבְּט דִי לֶעמֶעלֶע פַאר דִי כֹּהֵן זָאל מַקְרִיב זֵיין אַ קָרְבָּן פַאר דִי קֵייסֶער, דֶער כֹּהֵן נֶעמְט דִי לֶעמֶעלֶע אוּן בַּאקוּקְט עֶס גוּט אִיבֶּער אוּן זֶעהְט אַז דִי לֶעמֶעלֶע הָאט אַ שְׁנִיט בַּיי דִי לִיפְּן, זָאגְט דֶער כֹּהֵן פַאר בַּר קַמְצָא דִי תּוֹרָה לָאזְט

נִישְׁט מַקְרִיב זַיין אַ קָרְבָּן מִיט אַ שְׁנִיט, בַּר
קַמְצָא נֶעמְט דִי לֶעמֶעלֶע אוּן גֵייט צוּרִיק צוּ דִי
קֵייסֶער אוּן זָאגְט אִיהְם דוּ זֶעהְסְט דִי אִידְן
ווִילְן נִישְׁט מַאכְן דַיין לֶעמֶעלֶע פַאר אַ קָרְבָּן,
זַיי הָאבְּן דִיךְ נִישְׁט לִיבּ, דֶער קֵייסֶער אִיז
גֶעוָוארְן זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף דִי
אִידְן, בַּר קַמְצָא הָאט עֶס גֶעמַאכְט וַוייל עֶר
הָאט גֶעוָואלְט נְקָמָה נֶעמֶען פוּן דִי אִידְן וַוייל
קֵיינֶער הָאט אִיהְם נִישְׁט גֶעהָאלְפְן וֶוען דֶער
עוֹשֶׁר הָאט אִיהְם אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן.

(גְמָרָא מַסֶכֶת גִיטִין דַף נה)